בחצרות
סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת
יום ד' פ' לך לך | ה' חשון | תשע"א | סוטה ל"ג.

# באריכט:

## ביקורים ביי מרן רבינו שליט"א

נעכטן נאכט בעת דער רבי שליט"א האט זיך געפונען אין וויליאמסבורג אויפצונעמען אנשי שלומינו לברך ולהתברך איז געקומען צום רבי'ן שליט"א הרה"ג אבד"ק יערסלוב שליט"א לרגל די חתונה פון א קינד בשטומ"צ.

אויך איז געקומען אויף א באזוך הרה"ג ר' פרץ טובי' דייטש אבד"ק חליסה בני ברק, און הרה"ג ר' אהרן שפירא שליט"א ראש ישיבה באר יעקב אין ארץ ישראל, ווי עס האט זיך אנטוויקעלט הערליכע שמועסן בדברי תורה.

דערנאך איז אויך געקומען הרה"ג ר' הערש נח פארטוגאל שליט"א אב"ד סקולען לעיקוואוד בן כ"ק אדמו"ר מ'סקולען שליט"א, לרגל די חתונה פון א קינד בשטומ"צ.

היינט אינדערפרי איז פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' שלום יצחק וויינבערגער הי"ו פון קרית יואל, דערנאך האט דער רבי שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור א' ווי דער רבי שליט"א האט נאכ'ן דאווענען געזאגט א שיעור בספר תהלים.

היינט מיטאג האט דער רבי שליט"א געזאגט דעם פתיחה דרשה פאר די תלמידי ישיבה גדולה - שיעור א'.

## שריפה אין בנין ביהמ"ד הגדול אין קרית יואל

די נאכט האט אויסגעבראכן א שריפה נעבן די לאנדרי פון די מקוה אין בנין פון ביהמ"ד הגדול אין קרית יואל. די פייער האט אויסגעבראכן נאכדעם וואס די בוילער איז געווארן זייער אנגעהיצט און האט אנגעהויבן ברענען.

די העראישע חברי מצילי אש זענען גלייך ארויסגערופן געווארן צו דער סצענע ווי זיי האבן בליץ שנעל געברענגט דעם פייער צו אן אפשטעל.

דאס האט אבער נישט אפגעשטעלט די הונדערטער לומדים וואס לערנען טעגליך אין היכל ראזענבערג פון קומען לערנען אינדערפרי, און אין ליכט פון די פייער איז דער היכל ביהמ"ד הגדול היינט פארטאגס פארוואנדעלט געווארן אין א ריזיגע מקום תורה.

אויך האבן די איבערגעגעבענע חברי מצילי אש זיך נישט באגעניגט מיט'ן אויסלעשן דעם פייער, נאר תיכף ומיד געטוהן כל מיני השתדלות אז דאס ביהמ"ד הגדול זאל קענען אריינגיין אין באנוץ תיכף אינדערפרי.

די געטרייע אינגעלייט האבן גלייך אנגעהויבן אויפרייניגן דאס ארט און געברענגט גרויסע פענס כדי צו ריינגין די פאררויכערטע לופט אינע'ם בנין, און היינט אינדערפרי האט דער ביהמ"ד טאקע ב"ה פונקציאנירט מיט די שיעורי תורה ומניני תפילה ווי געווענליך א דאנק די מסירות נפש פון די געטרייע מצילי אש וואלענטירן.

ב"ה מען איז אפגעקומען מיט לייכטע שאדנ'ס.

## גרויס פאַרשריט אין ביהמ"ד החדש סאָוט-8, וויליאַמסבורג

אין די לעצטע וואכן איז דער ביהמ"ד החדש אויף סאוט 8 אין וויליאמסבורג ב"ה אויסגעשטיגן אלס פרישער צענטער לתורה ולתפלה פאר אנשי שלומינו, ברוב עם הדרת מלך. צו אלע תפילות און לימוד התורה בוקר וערב שטראמט א הערליכער ציבור וועלכע האבן זיך קובע געווען אין דעם נייעם ביהמ"ד.

אין די לעצטע וואכן איז געווארן אויסגעברייטערט דער הערליכער "אוצר הספרים", וואו מ'האט געקויפט א פולער אוצר מיט ספרי קודש אין אלע מקצועות התורה, חסידות, דרוש, אגדה, ש"ס, הלכה, שו"ת, ענינים, א.א.וו. צו די פולסטע באקוועמליכקייט און תועלת פון די פילצאליגע לומדים וועלכע האבן זיך קובע מקום געווען אין דעם נייעם מקום תורה ותפלה.

יעצט נאך יו"ט האט דער ביהמ"ד זיך ארויסגעשטעלט צו דינען אלס צענטער פון לימוד התורה און שיעורי תורה ברוב פאר והדר, א גאר שיינער ציבור האט זיך קובע געווען צו לערנען אין דעם נייעם היכל הביהמ"ד, און ס'ווערט פארגעלערנט עטליכע שיעורים ברבים. הרה"ג רבי מנחם מענדל מאשקאוויטש שליט"א לערנט פאר מס' סוטה דעם שיעור פון חבורת "יסודי התורה" יעדן אווענט פון 8:45 ביז 9:45.

הרה"ג רבי ישראל בער שטיין שליט"א מחשובי מתפללי ביהמ"ד לערנט פאר א שיעור אין מס' פסחים, וואס וועט ווערן געלערנט אלס דער קומענדיגער מסכתא אין חבורת "יסודי התורה", יעדן אווענט פון 8:45 ביז 9:45. אין די ערשטע צען-פופצן מינוט פונעם שיעור ווערט געלערנט קורצע פסקי הלכות וואס איז וויכטיג אין טאג טעגליכן לעבן.

צופרי לערנט פאר הרה"ג רבי יואל הלוי מאשקאוויטש שליט"א ר"מ בישיבת מבצר התורה ד'סאטמאר. מ'האט אנגעהויבן מס' ערכין. דער שיעור ווערט געלערנט יעדן אינדערפרי פון 7:00 ביז 7:50, און דאן דאווענט מען שחרית.

קומענדיגער זונטאג בשעה 10:45 הויבט זיך אן גאר א שיינע סעריע פון שיעורי "הלכה למעשה" אין אורח חיים חלק א', דורך הרה"ג רבי חיים אהרן אונגאר שליט"א מו"ץ בקהל יטב לב ד'סאטמאר. ס'איז די פאסיגע געלעגנהייט פאר א ברייטן ציבור פרישע מקשיבים זיך קובע זיין יעדן זונטאג מיט א קביעות, וואו מ'וועט זיכער נהנה זיין און קונה זיין "הלכה למעשה" בטוב טעם ודעת.

זמני תפלה איבער די וואך: תפלת שחרית בשעה 8:00 ברכות, און 8:10 הודו. תפלת מנחה א שעה און צען מינוט נאך זמן הדלקה"נ פון קומענדיגע וואך, און באלד דערנאך תפלת מעריב, און נאך א מנין מעריב בשעה 9:50 נאכ'ן לערנען אויפדערנאכט.

אנגעהויבן דעם שב"ק וועט פארקומען א "חברת תהלים", וואו די תשב"ר וועלן זיך צונויפקומען שבת אינדערפרי בשעה 8:30 צו זאגן תהלים אינאיינעם אין עזרת נשים, און מ'וועט אויך פארטיילן מזונות און מתנות.

*-ילכו מחיל אל חיל-*

## גינסטיגע נייעס פאר אנ"ש תושבי ארה"ק

אין די טעג האט דער מערכת פון "קול סאטמאר" געעפענט א ספעציעלער נומער פאר אנ"ש תושבי ארצינו הקדושה צו קענען מיטהאלטען אלע אירועים און נייעס אינערהאלב חצרות קדשינו.

דער נומער אין ארה"ק איז: 02-372-1111

*-שמעו ותחי נפשכם-*

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,
און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין
מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען
פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.